# שיקאַגאָ

ליטעראַרישער חדש זשורנאַל

"CHICAGO"

LITERARY MONTHLY IN YIDDISH

מאַי - יוני 1935

ז

MEYER ZOLOTAREFF
EDITOR and PUBLISHER

פרייז
20 סענט

באגריסונג

**SAM DIAMOND**

Greetings

**LEVITETZ BROS.**

Great Western Laundry Co.
Progress Family Laundry Co.

**GEORGE I. GLASSER**
Insurance
Insurance Exchange Building
175 W. Jackson Blvd. Phone Wabash 0620

**פיליפ בוכשטיין**
באגריסט דעם זשורנאל „שיקאגא"

**THE TARR CIGAR CO.**
Exclusive Distributors for
TOM PALMER CIGARS

**מ צ ב ו ת**
די בעסטע, שעהנטע מאנומענטן צו די ביליגסטע
פרייזן ווערן געמאכט ביי

**H. WULKAN & CO.**
MEMORIALS
2938 W. Roosevelt Road
Near Sacramento Blvd.
TELEPHONE KEDZIE 9474
CLARENCE M. MISSNER, Sales Mgr.
קומט און איר וועט זיין צופרידן

די אריגינעלע
**דזש. וויינשטיין און סאנס**
**אנדערטייקערס**
עטאבלירט ביי דזשייקאב וויינשטיין אין יאר 1884
3654-60 וועסט רוזוועלט ראוד
טעלעפאן וועז ביורן 2-1-2700
מייער וויינשטיין עמיל ס. פרידמאן
הירשע וויינשטיין

**J. WEINSTEIN & SON**
Undertakers
3654 West Roosevelt Road

# הילף
## צו די נויטבאדערפטיקע

זייער ווייניקע פון אונז האבן אפגעבראכן זייערע פארבינדונגען מיט די מזרח אייראפעאישע לענדער, ווי רוסלאנד, פוילן, לאטוויא, ליטא, רומעניען, שטעכא־סלאוואקיע, אדער מיט דעם מזרח — פאלעסטינע.

פילע פון אונז האבן נאך דארט אונזערע נאענטע און טייערסטע, וועמעס ביטערע נויט פארשאפט אונז גוואלדיקע זארגן. צו באפרייען זיך פון דיזע זארגן איז צו טאן איין זאך—זיי העלפן.

אבער א גרויסע פראבלעמע איז אויך ווער זאל זיין דער זיכערער, פאראנטווארטליכער און צוטרויענסווערטער שליח, ווייל דער קלענסטער טעות און די געלד זענדונג קומט ניט אן אויף דעם געהעריקן פלאץ.

א באזוך אין דער באקוועמער פאר אייך ליבערטי ניישאנאל באנק, וועלכע געפינט זיך אויף רוזוועלט ראוד און קעדזיע עוועניו, וועט אייך געבן דעם צופרידנשטעלנדן ענטפער, אויף דער פראגע וואס איר זוכט צו לעזען. דארט וועט איר קריגן די נידעריגסטע רייטס, פעהיגע און טיכטיגע מענעדזשמענט, געהעריגע אויפמערקזאמקייט און פינקטלאכע דורכפירונג פון אייערע אויסלענדישע געלט זענדונגען.

**Liberty National Bank**
OF CHICAGO
רוזוועלט ראוד און קעדזי עוועניו
א מעמבער פון פעדעראל רעזערוו סיסטעם

שטענדיק געברויכט די
**מילך און מילכיקע פראדוקטן**
פון דער
**וועסטערן דיירי קא.**
די פראדוקטן זיינען עקסטרא פריש און גוט

די מילך, פוטער, קאטעדזש קעז, זיסע און זויערע קרים און די פארשידענע וועסטערן דיירי קעז זיינען א קוואל פאר געזונט און ענערגי פאר דער גאנצער פאמיליע.

**Western Dairy Co.**
1449-59 EDGEMONT AVE.
Telephone Haymarket 2200
Main Office and Plant:

# "CHICAGO"

## A LITERARY MONTHLY IN YIDDISH

VOL. 6 MAY-JUNE 1935 No. 41


## אין דעם נומער


אונזער „פּאַרלאַר" קולטור — — — — — — — — — — — — (לייט אַרטיקל)

מ. טקאטש — — — — — — טריאַלעטן — — — — — — — — — (לידער)

אליהו שולמאַן — — — — — גרויסע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער אידי־
שער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע (אַרטיקל)

א. בייזער — — — — — — נקמה — — — — — — — — — — (דערציילונג)

דר. א. אייסען — — — — — — פון דער ענגלישער פּאָעזיע — — — — — (לידער)

ב. ריווקין — — — — — — רי דעוויזיע פון א. לוצקיס תורה — — — (קריטיק)

ל. קוסמאַן — — — — — — קלאַנג און שפּליטער — — — — — — — (לידער)

מ. גיצים — — — — — — באָדן — — — — — — — — — — — — (נאָוועלע)

מינא ראַבינאָוויטש־באָרדאָ — — — — — — — — — — — — — — (לידער)

י. ראַפּאַפּאָרט — — — — — — אָמאָר כאַיאַם אין אידיש — — — — — — —(קריטיק)

נח מישקאָווסקי — — — — — „וויטערדיי אידישער זאַמלבוך אין איי" — (קריטיק)

אברהם טייטלבוים — — — — יאָסל קאָטלער—דאָס קינסטלער קינד — — (אַרטיקל)

ד״ש. לייבנער — — — — — — צום 70־טן געבורטסטאָג פון פּרץ ווערניק — (אַרטיקל)

ב. צ. הערימאַן — — — — — די קולטור־רעוואָלוציע אין ראַטן־פאַרבאַנד (אַרטיקל)

א. ה. שקאָלניק — — — — — — — — — — — — — — — — — (אַפּאָריזמען)

נאָטיצן.



Editor and Publisher: Meyer Zolotareff

1133 S. Homan Ave., Van Buren 3296



**SUBSCRIPTION RATES**

| | |
|---|---|
| Single Copies | 20c |
| One Year | $2.50 |
| One Year Foreign | $3.00 |

**סובסקריפּשאָן פּרייז**

| | |
|---|---|
| איינצעלנע קאָפּיס | 20סם. |
| א יאָר | $2.50 |
| קאַנאַדע און אויסלאַנד | $3.00 |



576 Fireside Printing Co., 812 W. Van Buren St. Haymarket 5800

ב. ריווקין

# די רעוויזיע פון א. לוצקי'ס תורה

(ערשטער ארטיקל)

א. לוצקי אנאנסירט, אז ער גרייט צום דרוק א דריט בוך לידער. אויב עס איז נאך ניט שפעט, דארף מען אים ווינטשן, אז זיין דריט בוך זאל ניט זיין קיין פארזעצונג פון זיין „בראשית אין מיטן".

לוצקי אליין לאזט אונז אפילו וויסן, אז זיין דריט בוך איז אינגאנצן ניט ענלאך צו זיין צווייטן בוך, הלואי וואלט עס געווען אזוי. אבער ווער וויים? אפשר איז דער, וואס מעלדעט עס, לוצקי דער פארקויפער פון די ביכער פון לוצקין דעם מחבר. דעם פארקופיער לוינט זיך אין פאראוים מודיע צו זיין, אז ער האט גאר א נייע סחורה. אבער עס איז שווערלאך צו גלויבן, אז דער מחבר פון „בראשית אין מיטן" זאל אזוי גיך — עס איז ערשט צוויי יאר — זיך האבן ארויסבאפרייט מיט אייגענע כחות, פון דעם „אינמיטן", אין וועלכן ער האט מיט זיין „בראשית" זיך ארייגעזעצט.

פאר דעם פאעט לוצקי איז דער „אינמיטן" געווען א קלעם, וואס האט שיעור ניט ארויסגעקוועטשט פון אים זיין פאעטישן מהות. אבער פאר דעם מחבר לוצקי איז דער „אינמיטן" געווען א טראן אויפגעשטעלט אין א שפאגל־נייער פאר אים פראווינץ. ער איז פון די „געטרייע" געקרוינט געווארן מיט דער קרוין פון פאעט פילאזאף, וועלכער איז אויף א קונציקן אופן — דורך ווארט־שפיל — ארייגעדרונגען אין די סודות פון וועלטבאשאף. און עס האבן זיך געפונען קריטיקער, וואס זיינען גרייט געווען צו שרייבן ספרים אף לוצקי'ס פאעטיש־פילאזאפישע אנטפלעקונגען. און די „געטרייע" צוליב, כדי אונטערצוהאלטן זייער שבחים־כאר, האט לוצקי אליין זיך געקרוינט מיט א געשווילעכץ אויפן קאפ; וואס איז ער ערגער פון איינשטיינען און קארל מארקס? ניט איין קריטיקער, ניט צוויי, נאר א גאנצע אקאדעמיע דארף זיך אוועקזעצן פארשן, טייטשן און פארטייטשן זיין „בראשית אינמיטן".

ווער האט דאמאלס געקאנט צו אים צוטרעטן און מיט א פינגער אנרירן זיין געשוואלענע קרוין? — ווען די קרוין פלאצט אים, וואלט דער מוח אים געפלאצט.

אבער פאר די צוויי יאר איז דאס בוך „בראשית אינמיטן" שוין אויספארקויפט געווארן — עס קומט אים דוקא א קאמפלימענט פאר זיין בריהשאפט אין דעם פרט: — וואס, אויף אונזערע פוילע און אפגעלאזענע בוכהענדלער און פארלעגער זאל ער זיך פארלאזן? שוין וואלט ער אויסגעזען! — אזוי אז די מאטעריעלע סיבה איז פארשוואונדן, לוצקי זאל דארפן נאך ווייטער שפילן די ראליע פון געקרוינטן מאגיקער, וואס גנב'עט זיך, מיט קפיצת הדרך — דורך שורהלאך, האלבע שורהלאך, ווערטער, האלב־ווערטער און זילבן — צום תהו ובהו פון פארן וועלט־באשאף.

וואס שייך דעם פאעט לוצקי — על פי לאגיק, ווען א פאעט ווערט אנגעקוואלן מיט נייעם שעפערישן דראנג, דארף אים ניט געפאלן שווער ארויסצופלאנטערן זיך פון מאניעס, וואס האלטן געפאנגען זיין כוח. ער דארף קאנען צערייסן דעם שפינוועבס פון זעלבסטנארעריי. אבער אחוץ פאעט, איז לוצקי בטבע א גאנץ פשוטער בשר ודם — און אזא איינעם, ווי לייכט עס איז אים פארשכורט צו ווערן פון שבחים, אזוי שווער איז אים אויסצוניכטערן זיך פון זיי.

נו, לוצקי דער פאעט פארדינט געהאלפן צו ווערן אין ארויסבאפרייען זיך פון זיין זעלבסטגעפאנגענשאפט. איך בין דוקא געניינט צו מינטערן ביי פאעטן גדלות — אילוזיעס, בתנאי די אילוזיעס זיינען אין דער ליניע פון זייער ווייטערדיקן וואוקס. דאן דינען זיי ארויסצוציען וואס מער שעפערישע אימפולסן. אבער אין לוצקיס פאל איז די גדלות־אילוזיע פון א פאעט־פילאזאף, וואס גרייכט אין די הימלען, קאפאבל צו פטרן דעם בפועל־ממשדיקן פאקט, וואס ער איז א פאעט הארט ביי דער ערד. דער פאעט־פשוטער בשר ודם איז דא ארויסגעקראכן פון זיין הויט. נאך איינמאל אזא קריכן פון הויט, און עס וועט זיך פון אים אפשטעלן א פאעט־סקעלעט.

איז א רעוויזיע פון „בראשית אינמיטן" פונקט אין צייט — דער „פאעט־פילאזאף" זאל קיין שאדן ניט טאן לוצקיס דריטן בוך.

***

אין „בראשית אינמיטן" האט לוצקי זיך פארנומען צו געבן פאעזיע, פילאזאפיע און תורה — אלע דריי אינאיינעם. גיט ער וואו ניט וואו פאעזיע, וואו ער פארגעסט זיך צו געבן פילאזאפיע און תורה. דער עיקר איז בא אים די קאמבינאציע פון פילאזאפיע און תורה. פילאזאפיע איז וואו ער מאכט דעם אנשטעל, אז ער אנטפלעקט די סודות פון וועלט־באשאף. און די תורה גיט דעם אויסזען פון בוך. עס איז א סיסטעם פון דרייפאכיקע איינטיילונגען. איינטיילונגען אין איינטיילונגען, אין איינטיילונגען. איינטיילונגען וואס קאנען פארגליכן ווערן צו מסיכתא'ס אדער סדרה'ס; און איינטיילונגען, וואס קאנען פארגליכן ווערן צו פרשה'ס אדער פרקים; און איינטיילונגען, וואס קאנען פארגליכן ווערן צו פסוקים אדער פאראגראפן. און די פסוקים זיינען דאס די איינצעלנע לידער.

זיינען דא פערצן מסיכתא'ס אדער סדרה'ס: צוויי פארווערטער — מיט עלף לידער; זיבן ארייפירן, מיט פופציק לידער, וואס גיבן זיך אפ מיט אייגנטלאכן וועלט־

באשאף; און פיר סדרה'ס וואס שפירן אויס די סליאדן פון וועלט־באשאף און דער שוין באשאפענער עקזיסטירנדיקער וועלט — באטיטלט:

„געהיימען אין דער וועלט".

„קאמף אין דער טויטער וועלט".

„קאמף בא די לעבעדיקע מינים, און

„רעלאטיווין" — וואו לוצקי פארמעסט זיך ניט מיט קיין קלענערן אויספארשער פון וועלט־סיסטעם, ווי אלבערט איינשטיין.

אין די לעצטע סדרה פון הוילער נבואה — „והיה באחרית הימים".

עס איז ניט קיין סיסטעם, נאר אן אימיטאציע פון א סיסטעם. דאס סיסטעם איז גיכער אין דער איינטיילונג אויף סדרה'ס, פרשיות, פרקים, פוסקים. דאס סיסטעם איז אין דער אויסשטעלונג: אין די קידוש־לבנה־אותיות פון איין ליד און אין דעם רש"י־כתב פון א צווייטן ליד. אין די וואריאציעס פון פעטיט. אין אויסצאצקענען א „דלד" מיט שורהלעד. אין די פוס־באמערקונגען, מיט די אנווייזונגען, וואו דיזעלביקע שורה חזר'ט זיך איבער מיט א ביסעלע אן אנדער נוסח. ווייל הייליק איז יעדער נוסח, און טייער איז יעדער אות. ווייל תורה איז ערשט יעמאלט סחורה, ווען מען קויפט עס ביליק און מען פארקויפט עס טייער.

דאס סיסטעם איז גיכער אין די קעפלאך. עס איז א קאטאלאג פון קעפלאך. דאס סיסטעם איז גיכער אין דעם אנשטעל. עס איז „געטלאכע" קאמעדיע. — עס איז אים אנגעזאגט געווארן פון בארג סיני, ער זאל געבן די תורה נאכאמאל — קאן ער זיך דען העלפן; בויט לוצקי נעביך א סיסטעם, רחמנא לצלן!

די הויפט־קאמעדיע פון דעם תורה־סיסטעם, וואס לוצקי האט אויפגעבויט, שפילט זיך אפ אין די זיבן אריינפירן, וואו לוצקי כביכול באשאפט די וועלט נאכאמאל. דארט זיינען די סדרה'ס, פרשיות און קאפיטלען צוגעטשעפעט איינס צום אנדערן ניט פאר די קעפלאך, נאר פאר די האר פון די קעפלאך; צונויפגעטשעפעט מיט אותיות, וואס ווען איין אות גיט חלילה א קראץ א צווייטן, פאלט דאס גאנצע סיסטעם איין...

קום איך צו די זיבן אריינפירן, נעמט מיר ציטערן דאס הארץ.

בלויז לוצקי, וועלכער קאן גיין אויף האר־דרעטלאך צווישן ווערטער, בלויז לוצקי, דער דראטן־גייער, האט געקאנט האלטן באלאנס און דעם קאפ ניט פארלירן. ער האט עס געקאנט באווייזן, ווייל ווערטער זיינען פאר אים זאכן און ער קאן זיך אויף זיי אנשפארן. ווערטער זיינען פאר אים זאכן וואס שפייזן זיינע חושים; זיין אויג און אויער. ער באטאפט זיי און באשמעקט זיי. — באנעמט ער זיך מיט זיי ווי מיט זאכן. — דא זיינען טיפישע ביישפילן פון די אריינפירן:

„און יעדער באזונדער „געוועזן" איז אויף אייביק געוועזן. און יעדער באזונדער „געוועזן" איז געוועזן צו אייביקן „איז". אויף צו תמידן „זיין".

אייביקן, תמידן — זיינען צוויי באזונדערע ווערטער; זיינען זיי פאר אים צוויי באזונדערע זאכן.

„יעדער ערשט פאסירט — וועט קומען פון א פריערן פארפירט. צו א שפעטערן דערפירט. צו א ווידערן דערפירט. צו א ווייטערן פארפירט. צו אן אנדערן פאסירט".

אויף וואס האלט זיך דאס אלץ? — אויף ריינער שפראך־אקראבאטיק.

נאך א נס, וואס לוצקי קאן באווייזן ניט נאר קונצן מיט די הערעלאך פון ווערטער, נאר ער קאן אויך באווייזן גבורות מיט די ווערטער גופא. דאס איז איינע פון זיינע הויפט־מעלות: ער האט די ווערטער האלד. און עס איז אמת וואס ער זאגט וועגן זיך — אין דריטן ליד פון ערשטן פארווארט:

„מיין אידיש איז מיר אייגן —
ווי דער בליק פון מיינע אויגן.
איך באדין מיין אייגן הארץ.
איך בין ערלאך מיט מיין ווארט—אזוי ווי שלאף".

דער לעצטער קאמפלימענט איז ניט אלעמאל אמת, סיידן מען זאל אננעמען, אז שלאפנדיק מיט ווערטער, רייסט ער פון שלאף זיי די הערעלאך אויס, און אויף מארגן, ווען ער כאפט זיך אויף, פלעכט ער פון די הערעלאך צעפלאך. אבער וואס אמת איז אמת, ער האט זיי האלד די ווערטער. ווערטער זיינען ניט נאר פאר אים זאכן, נאר לעבעדיקע זאכן, — לייבער. ער באטאפט זיי, ער באשמעקט זיי. ער איז גרייט זיי אויסצוקושן יעדן אבר, יעדן אות. און דאס טוט ער טאקי; ער צעגלידערט די אותיות, און גלידערט די אותיות ווידער צונויף אין נייע זילבן־קאמבינאציעס — קינדער פון ווערטער:

„א בארג ארויף — איז איינזאם. א טאל אראפ — איז אלזאם. צוזאמזאם".

„וואס דער בארג איז העכער — איז ער איין־ער. אליין־ער. איינער־אליינער."

(דאס איז פון דער איינשטיינישער סדרה, באטיטלט „רעלאטיווין", פון דעם ליד אין ערשטן פרק, באטיטלט „א טאל — איז אויך א בארג", און וואס הויבט זיך אן אזוי: „א בארג — איז בארג ארויף. א טאל — איז בארג אראפ". — לוצקיס פאפוליריזאציע פון איינשטיינס רעלאטיוויטעט טעאריע).

אלזאם, וואכזאם, איין־ער, אליין־ער — זיינען לוצקיס קינדער־ווערטער, נייע זילבן־קאמבינירונגען. און דארט וואו די ניי־זילבירונג באהעפט זיך מיט דעם בילד־בויעריי, טוט עס אויסגעצייכנטן דינסט: (פון דער פרשה וועגן בליץ אין דער סדרה — „קאמף אין דער טויטער וועלט")

„א ריס: אין לופט א פייער־שפיז. א בלאנק: אין לופט א פייער־שלאנג. טעלעגראם צו א ו מ פ ר צ א ם"

(פון דער פרשה „א וואסערפאל — פון דער זעלביקער סדרה):

„א געבעטל, א געזידל. א געזאנגל, א געזאנגל.

א גערענגל, א געיאגל. א געטאנצל, א געטראגל. א געוואשל, א געצוואגל״.

אבער דאס בעסטע, וואס לוצקי טוט מיט ווערטער, איז וואס ער פארט זיי אין זווגים לויט ווי זיי גלוסטן איינס צום אנדערן, זיי זאלן וואס מער זיך חיותן און חיות געבן. ער פארט זיי לויט דעם נאטירלאכן קול וואס זיי גיבן ארויס. ווערטער האבן פאר אים ניט נאר ליב נאר אויך קול. דעם קול ניט נאר פון זייער קלאנג, נאר אויך פון זייער געדאנק. לוצקי פילט, הערט, איז זייער סעסנסיטיוו צום קול פון געדאנק. (געדאנק מיינט דא ניט דווקא די זאך, פאר וועלכער דאס ווארט שטייט, בא לוצקין מעג די זאך אפילו אוועקפאלן. געדאנק מיינט א דעם קערן פון ווארט, וואס אז דעם איז דאס ווארט א פוסטער קלאנג) — א ריטמישע שורה איז ביי לוצקין די שורה וואס גייט אט דעם טאפעלטן ריטמישן גאנג פון קלאנג־געדאנק. א גוטער ביישפיל אז זיין באקאנט ליד: — „פארוואס בין איך אזוי ניט אזוי״ — א כאראקטעריסטיש ליד פאר לוצקין; מען דארף אויפמערקזאם זיך צוהערן צום קול פון געדאנק. ווען מען הערט זיך צו בלויז צום ווארט, פארלירט מען באלד דעם ריטם און מען פארפלאנטערט זיך אין די שורות. הערט מען זיך אבער צו צום געדאנק, באקומט זיך א גאנץ דייטלאכער פיינער ריטם. — און אויב עס איז אמת, אז לוצקי שלאפט מיט זיינע ווערטער, איז אפשר נאך אמת'ער, אז לוצקי זיצט אפ גאנצע מעת־לעתן, מעשה טערק, מיט די פיס אונטער זיך, און ווי דער געדולדיקסטער הארעפאשניק, קלאפט ער און האמערט, און פוצט און גלעט, און האלזט און האלובעט די ווערטער זיינע, ביז ער באקומט פון זיי ארויס זייער נאטירלאכסטן קול. דערפאר טרעפט, אז אפילו אין א ליד פון קונצענמאכעריי, זילבןשפליטעריי און האר־פלעכטעריי זאל אריינפאלן א שורה, צוויי, א סטראפע — ריטמישע־גיזיווגטע, וואס חיותן זיך און גיכן חיות, געבארענע צו שטארבן צוזאמען, ווי שפריכווערטער, וואס קיינער, אפלו לוצקי אליין, וואלט זיי ניט געקאנט צעשיידן, און וועלכע קויפן אוים און באלוינען פאר דאס גאנצע ליד:

„אין יעדן וועלק וועט בליען טרויער״.— די זון גייט אויף מיט ווייטיק פון פארגיין״. — „בא די עקן פון דער וועלט איז נאך אפשר ניט באגינען״.— „איך בין דא צו שאפן שפיל פון עיקר״. — „די גאנצע וועלט אזוי ווי א געדאכט״. — „אין דרוק פון ווארט מיט שווארץ אויף קלאר — איז דא דער בונד פון טרוים און ווער״ —

אלע קלינגען זיי ווי שיין געפורעמטע אפאריזמען; זיי גיבן צו שפירן א דין־דינעם, אבער ווירקלאך אויפגעכאפטן פאעטישן איינדרוק.

אין די ווייטערדיקע ביישפילן זיינען די איינדרוקן נאך פיינער, געזעטיקטער, זיי כאפן טיפער. עס ווייט פון זיי דערשפירטער מעשי־בראשיתדיקער ריח: —

לער פאפיר — דערציילט מיר אז א שיר.
אויף דער קלאר פון העל פאפיר —
שוועבט די לער פון וועלטן פריער.

דאס זיינען די ערשטע דריי שורות פון בוך. און פון זעלביקן ערשטן ליד:

„אין ווינטעלאך דערזע איך מיינע מינעם.
שטיינער ווייזן מיר די וויכטיקייט פון לשון.

דאס איז פון ערשטן פארווארט. און אט איז פון פינפטן ליד פון צווייטן פארווארט. שוין אן אפענע אנצוהערעניש אויף מעשי בראשית:

„ס'איז א וועלט פון איבערלאפן.
ס'איז א וועלט פון איבערטראפן״.

דאסזעלביקע אנצוהערעניש, נאר בעסער, שטארקער, בילדלאכער אויסגעדריקט:

„אויף אלע פנימער וועט ווייען
א געוויטער פון געטראפן. —
א כמארע פון פארלאפן״.

דאס איז פון פינפטן אריינפיר. און פון זעלביקן פינפטן אריינפיר:

„איינער דעם צווייטן וועט זיך נעענטערן מיט מורא — מיט דער מורא, וואס האט אויפגערודערט בראשית״.

אורוועלט־געפיל, וועלט־פארלויף ממש ארהפגעלייענט פון מענטשלאכע פנימער. אט אזוי האט געדארפט זיין דער כאראקטער פון גאנצן בוך. אבער דאס זיינען דאך נישט מער ווי שורה'לאך, צווילינג־און דריילינגשורה'לאך.

זיינען טאקי מער ניטא ווי שורה'לאך, וואס פאסן איין מעשי בראשיתדיקע אנצוהערענישן אין פאעטישער פארם?

אין די אלע זיבן אריינפירן קאן מען אנציילן א צוויי־דריי לידער, וואס קאמבינירן אף א גליקלאכן אופן דעם סוד פון מעשי בראשית מיט לוצקים אלטן אמאליקן, שטייגער.

דאס איז דאס ערשטע ליד פון ערשטן אריינפיר:

„א שטיינדעלע. אין שטיינדעלע — אן אויג. א נאזעלע. תיכף נאכן נאזעלע — א מויל. — תמיד אפן; פארגאפט. שטומערייט א פרייד. דערשראקן און דערפרייט. פארכאפט פון אליץ־אליין. איך א נפשל פון שטיין״.

און דאס פערטע ליד אין זעלביקן אריינפיר:

איידער־איידער האט זיך ניט געקאנט דערווארטן אויף דער ענד. אנהייב האט געוואלט דעם סוף פון אנפאנג. וויסטעניש האט אויסגעיאמערט א באשאף. תוהו האט זיך אויסגעוויינט א נחת.

„א קינדעלע. א שטיינדעלע — א קינדעלע. א עפעסל כמו א עמיצער. מויל — צעפראלט. אייביק געוואלד.— א מענטש — א מענטשעלע, כמו א מענטש״.

די ערשטע פאר שורות פון לעצטן ליד: „איידעראיידער״, „אנהייב האט געוואלט״ — זיינען טאקי נישט מער, ווי מעשי בראשית־האר אריינגעטשעפעט צווישן „אנהייב״ און „אנפאנג״. אבער אנהייבנדיק פון „וויסטעניש האט אויסגעיאמערט״ — ווערט עס אן

עכט לוצקי־ליד, וואָס קאָן זיך צוגלייכן צו די בעסערע לידער פון זיין ערשטן בוך: „אומעטיק און פריילעך״. דאָ איז דאָ: אי די מוטערלעך־נאַטירלאַכע פאַררונדעטקייט פון אויסדרוק: — „אויסגעיאָמערט א באַשאַף״, „אויסגעוויינט א נחת; אי די לעבעדיקע פאַרבילדלעכונג: מויל — צעפּראַלט; אייביק — געוואַלט. — מיט דעם נייעם צוגאָב פון אורוועלט־שפּירונג, א שפּריץ אורלעבן אין שטיין.

לוצקים אמאָליקער שטייגער איז געווען, אריינצוכאַפּן אן אימפּרעסיע פון טויטע זאַכן אין א לעבעדיקער מעשה׳לע, און די מעשה׳לע דראַמאַטיזירן, ביז זי לאָזט זיך אפּשפּילן. דאָס איז לוצקים אייגנאַרטיקייט געווען. ער האָט געשפּילט אימפּרעסיעס.

דאָ אין די צוויי לידער וועגן שטיינדעלע איז דאָ נאָך מער: מעשי בראשיתדיקער אור־שטאָף — שטיינדעלע — פּנימל — אויפגעכאַפּט און אויפגעשפּילט. —

דאָ איז ניט קיין געוואַלטקע אַנטפּלעקונג פון א מעשה בראשית סוד — דאָך אן אימפּרעסיע פון שטיקאַווערען כאַראַקטער, ווי דאָס געשריי פון דער בלעכענער מיידל אויף דעם שניידערס שילד.

און ווען לוצקי טוט כסדר אזוי — וואָלט עס געווען א נייס, א געווינס, אן אפּפרישונג — א טיפערער כאַפּ, א ברייטערער פּאַרמעסט. לוצקי גייט אויפשפּילן וועלט־אימפּרעסיעס.

אָבער לוצקי טוט ניט כסדר אזוי — כסדר וואָס ער טוט: לוצקי וואַרפט די אימפּרעסיע אוועק, וואַרפט די מעשה׳לע אוועק, וואַרפט דאָס שפּיל אוועק — קוועטשט דעם שאָטן פון דער אימפּרעסיע ארויס, און פאַרשפּינט עס און פאַרוועבט עס אין א שפּינוועבס פון ווערטער — כדי עס זאָל זיך באַקומען דער איינדרוק פון טיפן סוד.

אָבער עס איז אן אויסגעקוועטשטער, פאַרפלאָכטער, פאַרשפּינוועבטער סוד — וואָס האַלט זיך בלויז מיט דער אָרימער מאַגיק פון וואָרט־קינצלעריי.

ווי מיר ווייסן שוין, איז דער מערסטער מעשי בראשית־שטאָף אן אויפגעשרויפטער, אן אָנגעצויגענער פאַר די האָט — אָנגעהאָנגען אויף האָר־אונטערשיידן צווישן די ערנסטע ווערטער. פונדעסטוועגן, פון ריינעם שפּראַך־שטאַנדפּונקט, אין פּרט פון צוגעטראָפענעם גליקלאַכן אויסדרוק, איז ווערט דורכצולייענען די נאָכקומענדע שורות פון 3־טן ליד פון 7־טן אריינפיר — „ווי אזוי איז געוואָרן מענטש״:

„יאוש האָט א זיפץ געטאָן פאַר צווייפל.
צווייפל האָט עס אויסגעהערט מיט ספק.
ספק האָט געקווינקלט מיט פּילייכט.
פּילייכט האָט זיך דורגעשמועסט מיט אפשר.
אפשר האָט זיך נאָכגעפרעגט בא טאָמער.
טאָמער האָט גענישטערט בא מסתמא.
מסתמא האָט געדרונגען אז ס׳איז מעגליך.
מעגליך האָט געוויזן אויף וואַרשיינליך.
וואַרשיינלאַך האָט א ווינק געטאָן אויף גריליך.
גרייליך האָט זיך צוגעשאַרט צו טאַקע. — א. א. ו.

פון טאַקע צו אודאי, פון אודאי צו זיכער, פון זיכער צו באַשטימט, פון באַשטימט, צו געוויס. און — „געוויס האָט געוואָרפן זיך מיט אמת. אמת איז געפאַלן אויפן הארץ. און — אזוי איז געוואָרן מענטש״ — פון א קאָנפערענץ צווישן יאוש, צווייפל, ספק, פּילייכט, אפשר, טאָמער, מסתמא, מעגליך, וואַרשיינליך, גרייליך, טאַקע, אודאי, זיכער, באַשטימט, געוויס, אמת — און דעם אמת׳ס האַרץ! דער סעקרעט פון מענטשנס באַשאַפונג — פון א טאַשן־ווערטער־ביכל איז ער ארויס! הייסט דאָס אויסגעשפּירט מעשי בראשיתדיקעס אין מענטשן? אָבער די שפּראַך־נאַטירלאַכקייט: — וואָרט נעמט זיך בא אים פון וואָרט ארויס, ווערט ווי א קינד פון אים געבאָרן, זויגט בא אים. דאָס קינד־וואָרט האָט אונטערגעהערט דעם גאַנצן אינהאַלט פון מוטער־וואָרט, געגנוי אָפּגעמאָסטן און אָפּגעוואויגן זיין קלאַנג־געדאַנק און אים אָפּגעענטפערט אין מאָס און וואָג. און די ווערטער שטייען דאָך ניט פאַר קיין ממשותדיקער זאַך, זיי זיינען ניט איינגעוואָרצלט אין קיין ווירקלאַכן זין. דאָס איז עס וואָס איך האָב אויבן געזאָגט: געדאַנק, דער קערן פון וואָרט, קאָן זיך זיין אָפּאַרט פון דער זאַך, וואָס עס פאַרטרעט. לוצקי באַזיצט ווירקלאַך א געוואַלדיקן שפּראַך־אינסטינקט. דאָס וואָרט איז בא אים ווי ליים אין א טעפּערס האַנט.

דיזעלביקע וואָרט־בריהשאַפט, אויב ניט מייסטערשאַפט — אויגנבליקלאַכע, פינקטלאַכע וואָרט־געבורטן; אונטערגעהערטע, אָפּגעענטפערטע פּאָרן — אין ליד: „ציטס א זינדעלע. וועלטס א זיידעלע. אַנהויבס אייניקל. שטילקייטס חברל. שווייגס ריידערל. שטומס א שרייערל. קיינערס טאַטע. אַליינס א קרוב. תמידס עדות. אייביקס סודות. מיינס א ברודערל. ברודעלך מיינס!״

דאָ זיינען דייטלאַכע מעשי בראשיתדיקע סימנים. דער עפעקט וועט זיך נאָך פאַרשטאַרקן ווען איר וועט זיך דערוויסן, אז דאָס רעדט זיך צו דעם „שטיינדעלע, וואָס האָט א פּנים ווי א מענטש״. דאָס איז דאָס פינפטע און לעצטע ליד פון ערשטן אריינפיר, וואָס איז ארויסגעוואַקסן פון דעם שטיינדעלע. אָבער וואָס העלפט עס, אז מיר ווייסן עס שוין, איז דאָס די דערפילונג פון דעם געבאָט פון שטיינדעלע? — דאָס שטיינדעלעס געבאָט איז געווען; גיי אַנטפּלעק די סודות פון אורוועלט און מעשי בראשית אין די זאַכן און מענטשן — אין דער ווירקלאַכקייט פון דער היינטיקער, מיט מילע־מיליאָנען יאָרן צוריק שוין באַשאַפענער וועלט — און דאָ האָבן מיר נאָך אַלעמען, א ווייטן אַפּהילך, אן אַבסטראַקטן „אידייאַיזירטן״ אָפּשלאַג אין קאָפּ פון דעם ערשטן עכטן לעבעדיקן איינדרוק פון מעשי בראשית אין שטיינדעלע— דאָ האָבן מיר א ציילונג, א קאָלעקציע פון חכמה׳ס און חכמה׳לאַך! אָט דאָס האָבן מיר דערוואַרט? ווען זיין שפּראַך־מייסטערשאַפט וואָלט געקומען צו הילף א קאָנקרעטן אורוועלט־מעשי־בראשית־געפיל. אַנגעטרונקען מיט דעם זאַפט פון פרישער ווירקלאַכקייט — א, דאמאָלס

וואלט וואונדער געשען! דער שפראך־אינסטרומענט וואלט דעם זאפט אין שמעקעדיקן ווין געליטערט, און די לופט וואלט פול געווארן מיט מעשי בראשית טעם און ריח; און דאס בוך וואלט געווען די דערפילונג פון געבאט פון שטיינדעלע. אזוי אבער, ווען לוצקי האט פליטה געמאכט פון דער ווירקלאכקייט אין די הויכע קאפּ־ספערן, אויף דעם שפינגעוועבס פון אבסטראקציעס, כדי דארט צו זאמלען מעשי בראשיתדיקן ווארט־שטויב, האט דער שפראך־אינסטרומענט אים מער רעה, ווי טובה געטאן: אז דעם אינסטרומענט וואלט ער אויף דעם שפינגעוועבס לאנג זיך ניט געקאנט האלטן.

***

די פרוכטבארקייט פון זיין ליד אין שורות און שורה'לאך קומט ניט נאר פון דער פארזאכלעכטער אידייעכץ; זעלטן ווען א ליד איז בא אים פון איין שטיק, מערסטנס איז עס ציילונג און ווידערהאלונג; דער הגדה — און מחזור־מעטאד; דער אחת ואחת — און כל מאמינים־שטייגער; דער לידער־בוי־מעטאר פון די מיטלאלטערלאכע פאעטן־פיטנים. — נו, לוצקי איז מער מאדים פון זיי. ער קאן גרעסערע קונצן באווייזן מיט ווערטער ווי זיי. ווארים ווערטער זיינען פאר אים ניט נאר זאכן, נאר — ווי מיר ווייסן שוין — לעבעדיקע זאכן. זיי האבן פאר אים לייבער. און ער צעגלידערט זיי ווי לייבער, און האט ליב און לאסצעט יעדן גליד באזונדער. ער צעגלידערט זיי אויף אותיות. און לוצקי איז בטבע א זויגלינג. ער זויגט זין פון ווערטער און אותיות, אזוי גוט ווי פון זאכן. ער פאשמאקעוועט זיך מיט די ביינדעלעך פון ווערטער — מיט דעם מארך פון די ביינדעלעך — פון די זילבן. — אט זיינען צוויי לידער, וואס דער זין זייערער איז ארויסגעזויגן פון ווערטער, זילבן און אותיות. — ס'ערשטע ליד הייסט: —

„א פ א ר י י ן פ ו ן ג א ר נ י ש ט".

„גארנישט אליין איז פון צוויי א פאריין: גאר, נישט. „גאר" איז פאראייניקט מיט „נישט" און דערציילט: גאר—נישט. גאר — איז א סך. נישט — איז אפילו ניט איינס. — אלציינס: גארנישט!"

גארנישט — איז גאר און נישט צוזאמען. פארשטייט איר שוין די חכמה? וואס דארף מען לערנען פיזיקע,, אז עס איז דא גראמאטיקע. עטימאלאגיע איז דא. און ער האט טאקי א גאנץ ליד דערויף, ווי אזוי פון גארנישט, דורך דער ווארצל־לערע פון גראמאטיקע, איז געווארן אלץ מיטאנאדער. פריער איז געווען אביסעלע גארנישט: דערנאך א סך גארנישט; און דערנאך... פארענדיקט שוין אליין.

דאס צווייטע ליד האט צוויי קעפ: — „איז געווען דער וויי פון איידער — איידער" — אין געוויינלעכע סידור־אותיות; און — „וועט זיין דער מענטש!" — אין קידוש־לבנה־אותיות; ווארים עס איז הויפט וויכטיק: דא ווערט פאראויסגעזאגט דעם מענטשנס גורל פאר אלע צייטן:

„דער ערשטער מענטש וועט הייסן אדם. און דער נאמען וועט באדייטן אלע דורות: אדם—מענטש, אדום—רויט, דם—בלוט. בלוט—נפש. אזוי זיין גוף, אזוי זיין שם, אזוי אייביק זיין פארנעם. אזוי אויף אייביק זיין בארוף. אזוי זיין גאנצע האב און גוט. — בלוט — ".

אלע צרות אויף דער וועלט נעמען זיך פון צוויי אותיות; פון דער זילבע „דם" אין אדם — איז דאס ניט זוהר אויף אדם? איז דאס ניט הייליקע קבלה, וואס ציט ארויס סודות פון ראשי תיבות? — יא, עס איז קבלה, הייליקע פילאזאפיע אויפן אידישן אלף בית. דערפאר ראשי־תיבות'ט ער. ווען איך וואלט זיך ניט געפוילט, וואלט איך געזוכט און געפונען, ווי ער רעכנט צוזאמען די גמטריות פון אידישע אותיות. — ער איז זיך נוהג מיט אידישע ווערטער, ווי די אותיות אויך פון אידישע ווערטער וואלטן געגעבן געווארן אויפן בארג סיני. — און דאס איז לוצקיס גרויסער אויפטו, וואס דארף פאראייביקט ווערן צום געדענקען.

ער האט זיך מתקנא געווען אז לשון קודש, וואס איר גרויסער זכות איז, וואס אירע אותיות האבן אראפּנידערט פון הימל צום בארג סיני, און וואס אין די לוחות האבן זיי זיך געהאלטן אין דערלופטן, אויף גארנישט אנגעהאנגען, און נאך א גרעסערער נס — זיי האבן זיך געלייענט פון ביידע זייטן — פון פארנט און פון הינטן — אויף איין אופן. אבער דיזעלביקע אותיות פארן אידישן געברויך האבן די זכיה ניט געהאט. האט לוצקי גענומען אויף זיך — די זעלביקע אותיות, פארן אידישן געברויך, צוצוטיילן דעמזעלביקן כבוד. האט ער אויף גיך געכאפט, און פון פינף קישנס און פינף מאל פערציק שלאפלאזע נעכט אין בעט אויפגעשטעלט א בארג סיני אינמיטן — און ער גיט די תורה נאכאמאל — „בראשית אינמיטן". — און אזוי ווי ער האט אנגעהויבן פון מיטן, האט ער מיט איין שפרונג דערגרייכט ביז קבלה — צו שם־המפורשן מיט אותיות, ראשי תיבות און גמטריות.

און איזן איז עס נישט מער ווי בדחנות. דאס איז זייער עסק געווען, פון די בדחנים, — ארומצושפילן זיך מיט רמזים און צו קליגלען זיך אויף גמטריות; און עס איז אויך נאכגעטאן די בדחנים לוצקיס נפקא־מינה'ווען צווישן צווייפל און ספק, טאמער און מסתמא, זיכער און אודאי. דאס האבן זיי געאידישט דעם לשון־קודשדיקן נפקא־מינה־גאנג. און אז עס האלט שוין דערביי, וועל איך שוין אויסזאגן, אז לוצקיס פערז־ריטם, איז ניט אזוי א מוזיקאלישער, ווי א גראמאטיקאלישער. דאס ווייזט ווידער דערויף, אז לוצקי איז מער גלגול פון בדחן, ווי פון כלי־זמר.

און עס זיינען פאראן אויך אידישע „קאבאליסטן", וואס לוצקיס ראשי־תיבות־קונסט אז זיי זייער געפעלן. בטבע פלפוליסטן, פשט'לער, וואס קוויקן זיך ניט אזוי מיט פשט, ווי מיט דעם דרש אויפן פשט. זיי זיינען גרויסע בעלנים אויף די חכמה'לער, וואס מען קאן ארויסציען מיט ווארט־קונצן; אויף דעם זין, וואס מען קאן ארויסדרינגען פון אומזין. און זיי האלטן א וועלט פון

גמטריות און פרפראות לחכמה. און זיי זיינען גאר נתפעל געווארן פון לוצקים אויפטו: זע נאר, צו וואס אידיש האט זיך דערדינט? מען קאן שוין זוהרן מיט אידיש!

זיי זיינען ניט קיין גלגולים, נאר טאקע דירעקטע אפשטאטלינגע פון די אמאליקע אונטערנאויוונדיקע משכילים; ניין, ניט קיין אפשטאטלינגע, נאר טאקע יענע משכילים אליין, נאר רעפארמירט געאידישטע; און זיי האט לוצקי זיין „בראשית אינמיטן" — „פארקויפט" — ער האט זיי גענומען מיט שטורם. און זיי זיינען זיינע קונים.

און וויבאלד קונים, בעלנים און נתפעל־ווערער — האבן זיך אויך געפונען קריטיקער, וואס זיינען גרייט געווען אריינצולייענען און ארויסצולייענען פון לוצקים האר־שפאלטן און ווארט־שפלידטערם די גאנצע פילאזאפיע און וויסנשאפט פון אריסטאטעלן ביז איינשטיינען. ניט אנדערש א פרימיטיווער, פאלקסטימלאכער גאון עולם, וואס האט נאכאמאל אנטדעקט אלע גאונישע אנטדעקונגען — און אין אידיש — און אויף אזא איינפאכן וועג — דורן אידישן אלף בית, דורך זילבירן און בוכשטאבירן דעם אלף בית.

און ווען לוצקין געלינגט איין קליין מופתל צו באווייזן — כאטשבי דעם מופתל פון מחמוד: א בארג זאל זיך צורוקן צו אים אויף זיין באפעל — וואלטן זיי שוין איצט געזעסן, א גאנצע אקאדעמיע פון קריטיקער, און געטייטשט און פארטייטשט די טיפענישן צווישן לוצקים שפאלטן און שפליטערם, מאכנדיק זין — אויסקיילעכנדיק יעדן אומזין און אויסגלעטנדיק אלע סתירות, וואס קאנען זיך מאכן צווישן שפאלטן און שפליטערם.

אן אקאדעמיע האבן זיי זיך נאך ניט געגרינדעט, אבער איין זאך איז זיי געלונגען: זי האבן פארדרייט א קאלטן אויף לוצקים קאפ.

***

די מעשה הויבט זיך ניט אן. עס לוינט ניט די טרחה נאכאמאל אריינצוקוקן אין די אריינפירן; נאכאמאל אויסצופארשן די טיפענישן צווישן די האר־שפאלטן. אויב עס זיינען פאראן אידייען דארט, זיינען דאס אידייען, וואס שוועבן אין דער לופטן, און א היינטיקער מענטש אטעמט זיי אריין, ניט טראכטנדיק און ניט הערנדיק. מען קאן זיך אנזאפן מיט זיי, גייענדיק איבער סעקאנד עוועניו. אדער מען קאן זיי ארויסלייענען פון א פאפולערן ציטונגס־ארטיקל איבער מיליקען אדער איינשטיינען. אדער נאך בעסער: מען קאן זיי אלע ארויסהערן פון אבא גארדינס א לעקציע וועגן דער אילוזיע, וואס איז אמת'ער פון אמת. אבא גארדין האט ליב אפצופרישן פארעלטערטע אנטדעקונגען.

נו, אדרבא, וועלכע „גרונט־אידייען" געפינט מען דארט אין די אריינפירן? אז ווערן איז צעשטערן און צעשטערן איז ווערן? אז אלץ הויבט זיך אן פון „גלוסטעלע", וואס בא לוצקין ווערט עס זייער גיך א ווערמדיק גלוסטעלע? — „דורות קומען אינדערמיט" — איז א טשוואק אין „בראשית אינמיטן". — דא איז עפעס א געדאנק פארפלאכטן געווארן ביז א גראבן וויץ.

וואס נאך פאר אידייען? — אז עס איז קיינמאל ניט געווען גארנישט; עס איז קיינמאל ניט געווען ניט — נאר אלעמאל איז געווען עפעס, א יש, אין וועלכער עס איז פארם אדער געשטאלט; אז כסדר וויקלט זיך און געשטאלטיקט זיך; אז נאך איצט באשאפן זיך אין קאסמאס וועלטן — אזוי זאגט מיליקען; אזוי זאגט דער תהילים.

אז עס הערשט איינהייט אין אוניווערז; אז געזעץ איז איבער אלץ — (די גאס וויים נאך ניט, אז געזעץ ערגעץ וואו נעמט זיך שוין ברעקלען).

נאך וואס? — אז דער מענטש זעט אלץ אין זיין אייגענער געשטאלט. — אויף נאמנות, א ציטונגס־ארטיקל און אודאי אבא גארדינס א לעקציע גיבן דאס אלץ. — אבער וואס אמת איז אמת: לוצקי האט דעם כוח אויפצוכאפן געדאנקען־שטויב פון דער לופט, פון דער גאס, און אריינצוטאן עס אין א פלינקער, אפטמאל א מחיהדיקער שפראך־פארקליידונג.

„די גאנצע וועלט אזוי ווי א געדאכט". — „בוים איז געשטאלט פון אדם". — „וועלט בצלם מענטש". — „דער קול פון ווינטן, ווי דער קול פון מענטשן". — „מענטש וועט זיך דערזען אומעטום — אזוי ווי גאט".

קורץ און קנאפ און קלוג געכאפט. און איצט צו זיין פילאזאפיע וועגן געזעץ, איינהייט. גאט:

„מאס — מוז" — דער פינפטער פון זיינע צען־געבאט, און זיין קירצסטער און געלונגענסטער אפאריזם. וואו עס הערשט מאס, רעכענונג, פאראויסרעכענונג — דארט מוז זיין געזעץ. אבער אין זיינע ווייטערדיקע חקירות וועגן געזעץ איינהייט, גאט — איז אזוי אנגעפלאנטערט, אז מען קאן ניט וויסן: ווער וועמען און ווער איבער וועמען. — איז געזעץ איבער איינהייט אדער איינהייט איבער געזעץ? זיינען זיי בײדע איבער גאט אדער גאט איבער זיי ביידן?

„איז געווען דער באפעל פון אחד — א באפעל אריבערן אחד — פון אומעטום. פון אלעמאל. אויף אלע צייטן. אויף אלע אייביקייטן"

אחד, איז די איינהייט. און אחד באפעלט. איז איינהייט איבערן געזעץ. עמיצער באפעלט איבערן אחד. דאס מיינט גאט. איז גאט איבערן געזעץ און איבערן אחד. און באלד וועט זיין פארקערט:

„אלץ איז איינס — און אלץ איז גאט. וועלט־געזעץ — אריבער גאט".

(דאס זיינען די ערשטע צוויי פון זיינע צען־געבאט).

— גאט איז שוין ניט איבערן אחד, נאר ער איז איינס מיט אים. און געזעץ איז שוין איבער זיי ביידן — איבער גאט און אחד.

„מענטש וועט זיך דערזען אומעטום — אזוי ווי גאט. וועט וועלן מענטש — אריבער גאט. אזוי ווי גאט — אריבערן אחד. ווי אחד אריבער די צען־געבאט".

דער ערשטער פסוק — ווייסן מיר שוין פון פריער, אז ער איז גוט, אבער דער סוף — איז קאפווייטיס.

גאט איז שוין ווידער איבערן אחד. און אחד פארט רייטנדיק אויף געזעץ־געבאט. נו גיי דערגיי א טאלק! וואס שווייגט די אקאדעמיע? וואס פלאנטערט זי ניט אוים דעם פלאנטער? — נאר ווער וועט פאריבל האבן אויף לוצקין פאר פילאזאפישע סתירות? אבער אלס פילאזאפיע, איז דאס געסטראשעט די גענז. און געסטראשעט די פילאזאפישע גענז איז אויך דאס פראזנרעדעלע, וואס קייקלט זיך בא אים דורך אלע אריינפירן און דורכן גאנצן ספר: —

„לויטן שטייגער פון כסדר. לויטן סדר נאך פון איידער, לויטן איידער פון איידער־איידער".

דא איז די גאנצע פילאזאפיע פון די אריינפירן אין א פינגערהוט, און א פינגערהוט איז איבערגענוג. ווארים „טיפער" אריינקוקן איז א סכנה — דער קוק קאן זיך פארפלאנטערן אין האריקן שפינוועבס. — אויף מיין ווארט, אלע זיבן אריינפירן, מיט די צוויי פארווערטער, צוזאמען, מיט דער אויסנאם פון די צוויי לידער וועגן שטיינדרעלע, וואלט איך גערן אוועקגעגעבן פאר דעם איין לידל, מיט וועלכן עס שליסט זיך דער זיבעטער אריינפיר און וואס הייסט: — „א פארהאנג צערעדט זיך" — —

„א פארהאנג צערעדט זיך מיט ווינטן אינמיטן באטאג בא אן אפענער פענסטער א וועלטלאכן לשון. קלארע דבורים אזוי ווי די זון. נאקעטע ווערטער אזוי ווי די לופט. פאר יעדן אויג. פאר יעדן אויער. און דער גאנצער געשפרעך — פארבלייבט א סוד".

און גוט וואס עס בלייבט א סוד. איז ער דערפאר אן עכט לוצקיסטיש לידל. אנגעוואונקען און אויפגעשפילט דעם וואונק. — חלילה, ווען ער צעקוועטשט דאס לידל, כדי ארויסצוקריגן פון אים דעם סוד, וואלט ער דערפון געמאכט אן אומדערטרעגלאכן אכטן אריינפיר.

(שלוס אהטיקל: — „וואו איז דער אויסוועג פאר לוצקין?" — אין קומענדיקן נומער).

# לידער

## קלאַנג אין שפּליטער

אין געדאנק
א פליטער.
דורך געזאנג
א שפליטער.
פליטער — שפליטער,
מיין געדאנק!
ציטער — וויטער,
מיין געזאנג!

וויפל ציטער
אין דעם זינען!
וויפל שפליטער
אין דעם שפינען!
זין און שפין,
דו מיין זעל!
זשומט די בין
מיט איר קעל:
זשום — זשום,
קום, קום.

האניק גרייט
איך דארט שטייט —
זשום — זשום.
וויטער פליען,
זאפטן ציען
פון די בלומען,
די וואס שטומען.

---

מארגן וועלן זיי פארבליען,
געל אפשטארבן.
וועט מיין האניק דארן — דארבן,
וואו וועט בין דאן ציען?
מיט די פריען
בליען טענער.
רוישן שפענער
דארט אין וואלד.
עבא שאלט —
פויגל ציען אין דער וייט,
אפפליצייט.

וועלן זיי צוריק דאך קומען,
וועלן גלען נייע בלומען,
וועלן פרישע זאפטן קוועלן,
האניק, נאשערס, איך צושטעלן.
פליטער — שפליטער,
מיין געדאנק!
ציטער — וויטער,
מיין געזאנג!

פויל בין איך אייך היינט צו צאמען,
שפריי איך פונקען פון די פלאמען.
קלאנג אין שפליטער —
מיין געוויטער.

וועט אן עבא נאך אפשאלן,
וועלן קוועלן נייע קוואלן,
וועלן מארגנס נעמען גרויען,
טריפן, טראפן טויען.

---

## בלומענשפּיל

אין דעם ציקל,
אין דעם טאנץ,
ציקל — וויקל
איך א קראנץ.

בלומען נויגן
זיך צום שפיל.
אויגן זויגן
בלומען שטיל.

שפריי איך לעבן,
שנייד איך בלום.
וועבן — שטרעבן
אין פארפיום.

שטייפע פינגער —
בליטן שטויב.
זינגער — אינגער,
נעם דיין רויב!

קוש די בליטן
וואס אין קראנץ!
בליטן שיטן
זיך אין טאנץ.

ווינטן ווייען,
טראגן וועק,
זייען — שפרייען
דיר א שטעג.

ווערן בלומען
מיינע קאלט —
בלומען שטומען
אין געוואלט.